# ניו יארק סטעיט אייניגע שפיטאל פינאנציעלע הילף אפליקאציע ( Uniform Hospital (Financial Assistance Application

איר קענט מעגליך זיין בארעכטיגט פאר שפיטאל פינאנציעלע הילף צו באצאלן אייערע בילס אויב האט איר נישט קיין אינשורענס, אייער אינשורענס איז געווארן אויסגענוצט, אדער איר האט העלט אינשורענס אבער האט באוויז אז אייער באצאלטע מעדיצינישע אויסגאבן זענען מער ווי 10% פון אייער איינקונפט. אויספולן די בויגן וועט אנהויבן אייער בקשה פאר שפיטאל פינאנציעלע הילף. די בויגן ווערט גענוצט דורך אלע שפיטעלער אין ניו יארק סטעיט.

**נאמען פון פאציענט (פולט אויס אינפארמאציע וואס איז נוגע)**

| | | |
|---|---|---|
| נאמען פון פאציענט (ערשטע, מיטלסטע, לעצטע) | | |
| געבורטס דאטום (mm/dd/yyyy) | | |
| אדרעס | דירה/יוניט # | |
| סיטי | סטעיט | זיפ |
| קאנטאקט טעלעפאן # | | |
| נאמען פון עלטערן/גארדיען אדער געזעצליכע פארטרעטער (אויב פאציענט איז א מינדעריעריגער קינד אדער אן ערוואקסענע מיט שטארקע באגרעניצונגען) | | |
| אימעיל אדרעס (אויב שייך) | | |

**פאמיליע אינפארמאציע:**

ביטע רעכנט אויס אלע פאמיליע מיטגלידער פון אייער הויזגעזינד. אייער הויזגעזינד נעמט אריין אייך, אייער מאן/ווייב אדער דאמעסטישע פארטנער, און סיי וועלכע קינדער אדער אנדערע דעפענדענטס. צום ביישפיל, דאס וואלט אריינגענומען אלע וואס ווערן אויסגערעכנט אויפ'ן זעלבן טעקס ריטורן.

גראוס איינקונפט מיינט אייער איינקונפט איידער מען רעכנט אראפ שטייערן.

גראוס איינקונפט קען באשטיין פון ארבעט פארדינסטן (וועידזשעס, געהאלט, טיפס, פארדינסטן פון אייגענע ארבעט), אומפארדינטע איינקונפט (סאושעל סעקיוריטי, דיסאביליטי און ארבעטסלאזיגקייט בענעפיטן), ביישטייערונגען (געלט פון פאמיליע אדער פריינט), און אנדערע קוועלער פון איינקונפט (ציטווייליגע הילף און צוגעקומענע סעקיוריטי איינקונפט).

| גאנצע נאמען | פארבינדונג | סך הכל גראוס איינקונפט (יעצטיגע) |
|---|---|---|
| | זיך אליין | |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |
| | | |

די שפיטאל קען בעטן אז איר זאלט אריינגעבן דאקומענטן אלס באווייז פון איינקונפט; ביישפילן פון דאקומענטן קענען אריינעמען א פעי סטאב, א בריוו פון אייער ארבעטסגעבער אויב שייך, אדער בויגן 1040.

**העלט אינשורענס סטאטוס**

האט איר סיי וועלכע סארט העלט אינשורענס, אריינגערעכנט Medicare, Medicaid, אדער פריוואטע אינשורענס דורך אייער ארבעטסגעבער אדער וואס איר האט אליינס געקויפט? ☐ יא ☐ ניין

אויב האט איר געענטפערט "ניין," וואלט איר געוואלט באקומען הילף זיך צו איינגעבן פאר איינע פון די פראגראמען?

☐יא ☐ניין

**פאציענטן מיט נישט גענוג אינשורענס: מענטשן מיט אינשורענס און הויכע מעדיצינישע אויסגאבן.** אויב האט איר אינשורענס, ביטע געבט א שאצונג פון די מעדיצינישע בילס וואס איר האט באצאלט אין די לעצטע 12 חדשים.

| |
|---|
| $ |

די שפיטאל קען בעטן אז איר זאלט אריינגעבן דאקומענטן אלס באווייז פון באצאלטע מעדיצינישע אויסגאבן.

**פאציענט/פאראנטווארטליכע צד: אויב איז עס נישט די פאציענט, דאן שרייבט די נאמען פון דער מענטש וואס שרייבט אונטער דעם בויגן און זייער אויטאריטעט צו אונטערשרייבן אין נאמען פון די פאציענט (צ.ב. מאן/ווייב, עלטערן, לעגאלע פארטרעטער).**

איך פארשטיי אז די אינפארמאציע וואס איך געב אריין קען ווערן פעסטגעשטעלט נוצנדיג דרויסנדיגע קוועלער. איך באשטעטיג אז די אינפארמאציע איז ריכטיג און קראנט לויט מיין בעסטע וויסנשאפט.

| | |
|---|---|
| נאמען קלאר ארויסגעשריבן<br><br>פארבינדונג צום פאציענט | דאטום |
| אונטערשריפט | |

# מינימום בארעכטיגונג און אנווייזונגען

## אפליקאציע צייטן, פאציענט רעכטן און פריוואטקייט

- איר קענט זיך איינגעבן פאר פינאנציעלע הילף סיי ווען דורכאויס די זאמלונג פראצעדור.
- איר דארפט נישט מאכן קיין באצאלונגען צום שפיטאל איידער איר באקומט א באשלוס איבער אייער אפליקאציע פאר פינאנציעלע הילף. שפיטעלער טארן נישט שיקן קיין אקאונטס איינגעמאנט צו ווערן בשעת אייער אפליקאציע ווארט אויף א באשלוס.
- אויב זאגט מען אייך אפ פינאנציעלע הילף, האט איר די רעכט צו אפעלירן. אינפארמאציע אויף וויאזוי דאס צו טון וועט ווערן ארייגעשטעלט אין די מעלדונג פון די שפיטאל וואס איר וועט באקומען. איר האט די רעכט צו אפעלירן די סומע פון אייער פינאנציעלע הילף. די שפיטאל ווערט ארייגשטעלן אינפארמאציע איבער וויאזוי צו אפעלירן אין זייער בריוו איבער די באשלוס.
- שפיטעלער טארן נישט שיקן אומבאצאלטע בילס צו אין איינמאנונג אגענטור פאר כאטש 180 טעג נאך אייער ערשטע ביל.
- שפיטעלער זענען פארבאטן פון נעמען לעגאלע שריט, אריינגערעכנט אריינגעבן קלאגעס אין געריכט, צו פארלאנגען געלט פאר אומבאצאלטע מעדיצינישע בילס פאר פאציענטן וואס זענען אונטער 400% פון די פעדעראלע ארעמקייט שטאפל. ארעמקייט פארשריפטן קען מען טרעפן דא: https://aspe.hhs.gov/topics/poverty-economic-mobility/poverty-guidelines
- אלע אינפארמאציע צוגעשטעלט אויף דעם אפליקאציע וועט בלויז גענוצט ווערן דורך די שפיטאל צו באשטימען אייער בארעכטיגונג פאר פינאנציעלע הילף און וועט בלייבן פריוואט אויף אזוי ווייט ווי די געזעץ ערלויבט.
- א שפיטאל קען אייך נישט אפזאגן נויטיגע מעדיצינישע סערוויסעס צוליב דעם וואס איר האט אן אומבאצאלטע מעדיצינישע ביל.
- אויב דארפט איר הילף מיט די אפליקאציע, ביטע פארבינדט אייך מיט אונזער פינאנאציעלע הילף אפיס (זעהט בלאט 6).
- אויב דארפט יאר נאך הילף מיט די אפליקאציע אדער הילף מיט אפעלירן א באשלוס, קענט איר זיך פארבינדן מיט Community Health Advocates: 888-614-5400.

## בארעכטיגונג

גארנישט טוט נישט באגרעניצן א שפיטאל'ס מעגליכקייט צו פעסטשטעלן פאציענט בארעכטיגונג פאר באצאלונג דיסקאונטס ביי איינקונפט שטאפלען העכער פון די וואס ווערן אויסגערעכנט פון אונטן און/אדער צו צושטעלן גרעסערע באצאלונג דיסקאונטס ווי די וואס ווערן פארלאנגט דורך די פובליק העלט געזעץ (Public Health Law). ווי אויך, זאל אימיגראציע סטאטוס נישט זיין קיין פאקטאר פאר בארעכטיגונג פאר'ן צוועק פון באשטימען פינאנציעלע הילף.

די פאלגנדע מענטשן זענען בארעכטיגט:

- נידריגע-איינקונפט מענטשן אן קיין העלט אינשורענס; אדער
- מענטשן מיט נישט גענוג אינשורענס מיט מעדיצינישע קאסטן וואס זיי האבן אליינס באצאלט וואס האבן זיך אנגעזאמלט איבער די לעצטע צוועלף חדשים אויסקומענדיג צו מער ווי צען פראצענט פון דער מענטש'ס גראוס יערליכע איינקונפט; אדער
- די וועלכע האבן שוין אויסגענוצט זייער העלט אינשורענס בענעפיטן, און וועלכע קענען אויפווייזן אז זיי קענען נישט באצאלן די פולע פרייזן; אדער
- לויט ווי די שפיטאל באשליסט, קענען מענטשן וואס קענען צייגן אז זיי קענען נישט באצאלן זייער קא-פעי און/אדער דעדאקטיבל בעטן פאר א רעדוצירטע אדער ביליגערע פרייז.

מענטשן ביז 400% פון די פעדעראלע ארעמקייט שטאפל (FPL) זענען בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף.

## 2026 פעדעראלע ארימקייט שטאפלען

| צאל מיטגלידער אינעם הויזגעזינד | 200% | 300% | 400% |
|---|---|---|---|
| **1 מענטש** | $31,920 | $47,880 | $63,840 |
| **2 מענטשן** | $43,280 | $64,920 | $86,560 |
| **3 מענטשן** | $54,640 | $81,960 | $109,280 |
| **4 מענטשן** | $66,000 | $99,000 | $132,000 |
| **5 מענטשן** | $77,360 | $116,040 | $154,720 |
| **6 מענטשן** | $88,720 | $133,880 | $177,440 |
| **7 מענטשן** | $100,080 | $150,120 | $200,160 |

איבערגעפרישט יערליך:
https://aspe.hhs.gov/topics/poverty-economic-mobility/poverty-guidelines

### מינימום דיסקאונטעד ראטעס

אויב זענט יאר בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף, וועלן אייערע קאסטן רעדוצירט ווערן לויט אייער איינקונפט אויף א צוגעפאסטע פארנעם ווי פאלגנד:

### אן קיין אינשורענס

| איינקונפט שטאפל | באצאלונג |
|---|---|
| 400% און ווייניגער FPL | מוותר זיין אויף אלע קאסטן |

### נישט גענוג אינשורענס

| איינקונפט שטאפל | באצאלונג |
|---|---|
| 200% און ווייניגער FPL | מוותר זיין אויף אלע קאסטן בלויז אויב קען מען צושטעלן באצאלטע מעדיצינישע אויסגאבן (ארייננגערעכנט פרימיומס) אינערהאלב די לעצטע 12 חדשים פונעם FA אפליקאציע. |
| 201% - 300% FPL | ביז א מאקסימום פון 10% פון די סומע וואס וואלט געווארן באצאלט אין איינקלאנג מיט די פאציענט'ס אינשורענס קאסט מיטיילונג בלויז אויב קען מען צושטעלן באצאלטע מעדיצינישע אויסגאבן (אריינגערעכנט פרימיומס) אינערהאלב די לעצטע 12 חדשים פונעם FA אפליקאציע. |
| 301% - 400% FPL | ביז א מאקסימום פון 20% פון די סומע וואס וואלט געווארן באצאלט אין איינקלאנג מיט די פאציענט'ס אינשורענס קאסט מיטיילונג בלויז אויב קען מען צושטעלן באצאלטע מעדיצינישע אויסגאבן (אריינגערעכנט פרימיומס) אינערהאלב די לעצטע 12 חדשים פונעם FA אפליקאציע. |

שפיטעלער קענען אויסוועלן צו צושטעלן גרעסערע הנחות פאר בארעכטיגטע פאציענטן און/אדער פארשלאגן באצאלונג הנחות פאר פאציענטן מיט העכערע איינקונפט שטאפלען.

### צוטיילטע באצאלונג פלענער

פאציענטן וועלכע קענען נישט באצאלן די גאנצע רעדוצירטע ראטע אויף איין מאל קענען באצאלן צוביסליך. מאנאטליכע באצאלונגען טארן נישט איבערשטייגן 5% פון אייער גראוס מאנאטליכע איינקונפט, און די ראטע פון ריבית וואס ווערט גערעכנט פון די פאציענט אויף די אומבאצאלטע סומע, אויב בכלל גערעכנט, זאל נישט איבערשטייגן 2%.

## פארלאנג פאר באווייז פון הויזגעזינד איינקונפט

ביטע רעכנט אריין די איינקונפט אינפארמאציע פאר די פאציענט, זייער מאן/ווייב און סיי וועלכע דעפענדענטס (א שטייגער ווי קינדער). צום ביישפיל, דאס וואלט אריינגענומען אלע וועלכע זענען אויסגערעכנט אויפ'ן זעלבן טעקס ריטורן (טעקס פיילער, מאן/ווייב און טעקס דעפענדענטס) אין די רעכענונג פון הויזגעזינד איינקונפט.

די פאלגנדע איז א ליסטע פון דאקומענטן וואס איר קענט נוצן צו אויפווייזן אייער איינקונפט. איר דארפט נישט צושטעלן אלע דאקומענטן. איר קענט אויך צושטעלן א דערקלערונג אז איר האט נישט קיין הויזגעזינד איינקונפט אויב האט איר נישט קיין איינקונפט.

איר קענט אויך צושטעלן די בארעכטיגונג באשלוס בלאט פון די ניו יארק סטעיט אוו העלט מארקפלאץ (NY State of Health Marketplace). אויב האט איר דעם דאקומענט, דארפט איר נישט צושטעלן קיין אנדערע איינקונפט אינפארמאציע פון די פאלגנדע ליסטע פאר'ן שפיטאל.

| אויב באקומט די הויזגעזונד: | סומע יעדע חודש: | אפליקאנט קען צושטעלן: |
|---|---|---|
| געהאלט | $ | ביטע שטעלט צו איין פעי-טשעק סטאב, אדער בריוו פונעם ארבעטסגעבער אויף אפיציעלע פאפיר פונעם פירמע, אונטערגעשריבן מיט'ן דאטום, אדער די לעצטע אריינגעגעבענע אינקאם טעקס ריטורן. |
| סאושעל סעקיורטי באצאלונג | $ | קאפיע פון אווארד בריוו/סערטיפיקאט, אדער בריוו פון די אמעריקאנער סאושעל סעקיורטי אדמיניסטראציע (Social Security Administration), אדער יערליכע בענעפיט בריוו. צו בעטן פאר א קאפיע פון אייער סאושעל סעקיורטי בענעפיט בריוו, רופט 1-800-772-1213 אדער באזוכט www.ssa.gov |
| ארבעטסלאזיגקייט פארגיטיגונג | $ | קאפיע פון אווארד בריוו/סערטיפיקאט, אדער מאנאטליכע בענעפיט סטעיטמענט פונעם ניו יארק סטעיט לעיבאר אפטיילונג (NYS Department of Labor), אדער א קאפיע פון דירעקטע באצאלונג קארטל מיט אן ארויסגעדרוקטע צעטל, אדער בריוו פון די ניו יארק סטעיט לעיבאר אפטיילונג, אדער אן ארויסגעדרוקטע צעטל פונעם געניסער'ס אקאונט אינפארמאציע פון די ניו יארק סטעיט לעיבאר אפטיילונגקס וועבזייטל (www.labor.state.ny.us) |
| דיסאביליטי באצאלונג | $ | קאפיע פון אווארד בריוו/סערטיפאקט, אדער בריוו פונעם סאושעל סעקיורטי אדמיניסטראציע, אדער א קאפיע פון א יערליכע בענעפיט בריוו. צו בעטן פאר א קאפיע פון אייער בענעפיט בריוו, רופט 1-800-772-1213 אדער באזוכט www.ssa.gov |
| ארבעטער'ס פארגיטיגונג | $ | קאפיע פון אווארד בריוו אדער טשעק סטאב. |
| אלימאני\טשיילד סופארט | $ | קאפיע פון געריכט באפעל, אדער 3 חדשים פון גע'קעש'טע טשעקס/רעסיטס. |
| דיווידענדס/אינטערעסט | $ | פערטל-יאר דיווידענד סטעיטמענטס אדער 1-חודש סטעיטמענטס. |
| עפעס אנדערש | $ | בריוו וואו עס שטייט די סומע פון נישט-געהאלט פארדינסטן (אויב בכלל), א שטייגער ווי רענט איינקונפט, קעש פאר פארשידענע קליינע דשאבס, א.ד.ג. |
| קיין שום איינקונפט | 0$ | אונטערגעשריבענע דערקלערונג פון קיין שום איינקונפט. |

## פינאנציעלע הילף אפיס (Financial Assistance Office) קאנטאקט אינפארמאציע בלאט

- **Westchester Medical Center**

*פינאנציעלע הילף אפטיילונג*

טעלעפאן: 914-493-7830

פאסט אדרעס: P.O. Box 277, Hawthorne, NY 10532

פיזישע לאקאציע: 100 Woods Road, Valhalla, NY 10595

- **MidHudson Regional Hospital**

*פינאנציעלע הילף אפטיילונג*

טעלעפאן: 845-483-5406

פאסט אדרעס: 241 North Rd, Poughkeepsie, NY 12601

פיזישע לאקאציע: 241 North Rd, Poughkeepsie, NY 12601

- **Port Jervis Community Hospital | Good Samaritan Hospital | St. Anthony's Community Hospital**

*פינאנציעלע הילף אפטיילונג*

טעלעפאן: 845-547-3888

פאסט אדרעס און לאקאציע: Port Jervis Community Hospital, 160 East Main St., Port Jervis, NY 12771

פאסט אדרעס און לאקאציע: Good Samaritan Hospital, 255 Lafayette Ave. Suffern, NY 10901

פיזישע לאקאציע: St. Anthony’s Community Hospital, 15 Maple Avenue, Warwick, NY 10990

פאסט אדרעס: פאר St. Anthony’s Community Hospital, שיקט פאסט צו: Port Jervis Community Hospital, 160 East Main St., Port Jervis, NY 12771

- **HealthAlliance Hospital Mary’s Avenue | Margaretville Hospital**

*פינאנציעלע הילף אפטיילונג*

טעלעפאן: 845-334-2743

פאסט אדרעס: 105 Mary's Ave, Kingston, NY 12401

פיזישע לאקאציע: HealthAlliance Hospital Mary’s Avenue, 105 Mary’s Ave, Kingston, NY 12401

פיזישע לאקאציע: Margaretville Hospital, 42084 New York 28, Margaretville, NY 12455